STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11226

DI LIDER FUN A.M. DILON

Abraham Moses Dillon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די לידער

פון

א. מ. דילאָן



די לידער

פון

א. מ. דילאָן

ארויסגעגעבן פון חברים, ניו יארק
ניינצן הונדערט פינף און דרייסיק.

Copyright by
SOTCHA DILLON

די לידער

II

און אויפשפרינגען וועל איך

און אויפשפרינגען וועל איך פּאַר שאַנד און פּאַר שפּאָט,
צערייצטערהייט לויפן אין וואַלד ווייט אַליין,
עס וועט יענע נאַכט אַ שוואַרץ-פינצטערע זיין,
און איך — פון דעם חושך וועל פלעכטן אַ קרוין.

און ווייזן וועל איך זי ביים שיין פון דער זון,
עס זאָלן זי זען די מענטשן אין גאַס.
און לויפן צוריק אַ צערייצטער אין וואַלד —
און זאָל פון דעם וואַנזין זיך שמידן אַ כעס.

אַ האַרבסט-נאַכט אַ שוואַרצע

אַ האַרבסט נאַכט אַ שוואַרצע. עפּענען וועל איך מיין קבר,
אַ טויטער אין ווייסן ארומבלאָנדזשען צווישן די קברים,
באַקוקן די אַלטע מצבות, וואָס שטייען ווי שומרים.
און נאָענט אָט שטייט דאָרט געבויגן דאָס הייזל פון
אַלטעטשקען קברן.
אַ הייזל — ווי נאָך אַ מצבה אויף איינעם אָן איינזאַמען קבר,
און פייערלעך רויטע — זיי שיינען פון דאָרטן ארויס אויף
די קברים.

כ'פאַרלאָז דעם בית עולם...
עס טראָגן זיך אום אין די גאַסן צעהוליעט שכורים-געזאַנגען;
עס פליען אום לוסטיקע זונות און ווינקען מיט שעלמישע
אויגן.
און פּלוצלונג — אַ שיין אין אַ פענצטער... עס צאַפּלט
אַ מענטש זיך און גוססט.
עס שטייען פאַרזאַמלטע הויז-לייט מיט אויגן פאַרגלאַצט
אויפן באַלקן,

און איבערן בעט פונם גוסס א קאפ פון א פרוי הענגט
געבויגן.
און נאך א טראט ווייטער — א געסל. און אט איז מיין
צימער,
דאס אמאליקע הויז. איך דערקען עס מיט איצטיקע אויגן.
שוין קוק איך א זשעדנער אריין אין דעם אלטן,
צעבראכענעם פענצטער.
אט הענגען די פלאכטעם די שווארצע, ווי שלייערס
אויף גרייז־גרויע זקנות,
אט הענגען געשטאלטן פון טויטע, וואס כ׳האב פאר מיין
טויט אויפגעהאנגען
און קוקן מיט אויגן פארגלאצטע, ווי ווילדע פארקרימטע
געשפענסטער.
א בליק אין א פענסטער א צווייטן: —
א פרויס א קאפ האר — ערשט געפאלענער שניי אין א
זילבערנער נאכט אין א קלארער.
א פנים פון קניטשן און פלעקן, ווי צייכנס פון פייניגונגען
שווערע,
און ברילן פארזשאווערטע, אלטע, אויף אלטע שוין באלד
בלינדע אויגען,
א הילכיק געשריי דורכן פענצטער: אוי מאמע... דו ביסט
דאך מיין מאמע!...
און אויפשרעקן וועט זי מיין שטימע און אויפשפרינגען
וועט זי פון אימפעט
און וועט זיך דערמאנען אן יארן, וואס זיינען זיית לאנג
שוין פארגאנגען.
און איך וועל פארשווינדן.

און וויינען וועט זי אירע קניטשן אין טרערן.

איך זע דעם טויט

שוין זיינען פאַרדעקט מיינע פענצטער מיט פלאַכטעס
מיט שוואַרצע,
מיט בילדער פון טויטע פאַרהאַנגען די ווענט די צעקרימטע.
איך זיץ מיט דער אַלטעטשקער בלינדער צוזאַמען אין ווינקל,
איך זינג מיט דער אַלטער דאָס ליד פון אַ וועלט
אַ פאַרשטומטער...

שוין טראָגט זיך מיין ווידוי אַרום אין מיין איינזאַמען צימער
און ס'דוכט מיר, אַז זע איך דעם טויט שוין, וואָס קומט
מיך באַגריסן
און ליג איך אין קבר מיט שערבלעך אַריבער די אויגן —
דאַן וועלן
זיך פון ערגעץ געזאַנגען וויינענדיק אין אַקאָרדן צעגיסן.

איך בין ביי דעם אייביקן טויט שוין געפאַנגען

איך וויין יעדע נאַכט אין מיין שלאָף און איך וויין,
עס וויגן זיך שאָטנס ארום מיין געלעגער.
אַן אַלטע, אַ בלינדע גייט אום אין מיין צימער
און זינגט אין דער פינצטער געזאַנגען פון טויטע,
וואָס הויבן זיך איבער מיין קאָפּ און זיי קלאָגן,
ווי זיי וואָלטן באַצייטנס צו גסיסה פאַרוויגן.
עס האָרכן די שאָטנס דער אַלטעטשקער'ס טענער,
וואָס ציען זיך, ציען זיך טרויעריק, לאַנגזאַם.
און זינגענדיק שמייכלט און בייגט זיך די אַלטע
אַריבער די ליכטלעך, וואָס זיינען פאַרלאָשן.
דאָס אַש — זייער אַש, וואָס איז איבערגעבליבן,
זי קלייבט אים מיט ציטריקע פינגער צוזאַמען,
און טראָגט און צעזייט אים ארום מיין געלעגער.
ווי שטויב פון מדבריות עסט איין זיך אין הארצן
דאָס אַש — אוי, דאָס אַש פון פאַרלאָשענע ליכטלעך.
איך וויין, און עס שרעקט מיך די אַלטעטשקע בלינדע,
איך וויין און איך ציטער. עס וויגן זיך שאָטנס.
איך בין ביי דעם אייביקן טויט שוין געפאַנגען.

איך טראָג מיט דערנער זיך ארום

איך נאַר מיך.
אַ דאָרן ווערט ביי מיר פאַרוואַנדלט אין אַ קווייט —
טראָג איך זיך מיט דערנער אין דער וועלט ארום.
מיינע פינגער זיינען שוין צעבלוטיקט־רויט.

איך גיי אַזוי צעבלוטיקט אין די גאַסן אום,
שמיר מיט הייסן בלוט די פענצטער אוים.
זעט די זון פאַרנאַכט די פענצטער זיינען רויט,
גייט זי רויט און בלוטיק מאָרגן אויף דער וועלט ארוים.

איך שפּיר די האַרטקייט פון דער גאַנצער וועלט

איך שלאָף אין פּאַרק צונויפגעקאַרטשעט אויף דער
האַרטער ערד —
איך שפּיר די האַרטקייט פון דער גאַנצער וועלט.
עס הענגט דער אָסיען־הימל פינצטער איבער מיר,
דער פּאַרק, דער אויסגעדאַרטער, איז מיין היים און מיין
געצעלט.

איך שלאָף אין פּאַרק צונויפגעקאַרטשעט אויף דער
האַרטער ערד —
ס'דעקט עמיצער אַ שוואַרצער מיך אין שוואַרצן איין.
איך פיל אויף זיך די שוואַרצקייט פון דער שוואַרצער,
האַרטער וועלט.
שטאַרקער, שטאַרקער, עלנדער זאָלסטו, מיין עלנד זיין!

ס׳האָט דער טייוול געקלאַפּט אין מיין פענצטער

ס׳האָט דער טייוול געקלאפּט אין מיין פענצטער:
קום, איך וועל דיינער אַ פריינט;
איך בין אין דער פינצטער געלעגן,
מיין אויג האָט פון גליק אַזש געשיינט.

ער גיט מיר אַ מיצל מיט גלעקלעך,
מיר גייען ארוים אין דער נאַכט,
איך צי — און עס קלינגען די גלעקלעך,
דער טייוול — ער טאַנצט און ער לאַכט.

מיר שפּאַנען, מיר שפּאַנען צוזאַמען,
און פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ שיין;
אַ שפּרונג — און אַ הויז פאַר די אויגן,
מיר קוקן אין פענצטער אַריין.

דאָרט צאַפּלען געקוילעטע מענטשן,
אַט איז אַ מעסער, אַ האַק;
שטיקער לייב אויף צעבראָכענע טישן,
אין אַ ווינקל — אַן אויג און אַ באַק.

מיר הויבן אַן קלינגען און ברומען,
שרעקן מיט קולות די נאַכט.
שפּרינגען מענטשן אַראָפּ פון געלעגערס
און קוקן צעמישט אין דער נאַכט.

ס'האָט דער טייוול געקלאַפּט אין מיין פענצטער:
קום, איך ווער דיינער אַ פריינט;
איך בין אין דער פינצטער געלעגן,
מיין אויג האָט פון גליק אַזש געשיינט.

כ׳וועל טאַנצן אין די גאַסן

כ׳ווער אַ שכּור. כ׳וועל טאַנצן אין די גאַסן,
הוליען מיט שכּורים, פרייען זיך אינאיינעם,
האַקן לאַדנס, ברעכן טיר און פענצטער,
יאָגן זיך נאָך קינדער, שליידערן מיט שטיינער.

כ׳ווער אַ שכּור. כ׳וועל טאַנצן אין די גאַסן,
מיט ווילדע הינט זיך יאָגן נאָך פערד און מענטשן;
ס׳וועלן הירזשען פערד, מענטשן וועלן שרייען,
די גאַסן וועלן קרעכצן — מיט שרעק און ווילדן טומל.

כ׳ווער אַ שכּור. כ׳וועל טאַנצן אין די גאַסן,
רייסן שילדן, אומוואַרפן פאַנאַרן;
ערגעץ אַן אַן אייזן זיך צעבלוטיקן, צעביילן,
ברומען ווי אַ טיגער און וויינען ווי אַ יתום.

אַליין אין הויז

איך זיץ אַליין אין הויז טרויעריק און שטיל,
איך זע מיין אייגן וועלט, פול צער און פּיין;
עס איז דאָס הויז מיט שרעק און אומעט אָנגעפילט,
עס איז די איינזאַמקייט צו מיר אין הויז אריין.

און זי שעפּטשעט שטיל און נעמט מיך פאַר די הענט,
און ווי אַ שטילע קינד, גיי איך נאָך איר נאָך,
און פאַמיליען־בילדער צייגט זי אויף די ווענט
און איך קוק אויף זיי און איינזאַם בלייב איך דאָך...

און איך קוק אויף זיי און איינזאַם בלייב איך דאָך...
כ'זיץ אין אייגן הויז און דאָך איז עס מיר פרעמד...
און איך נעם מיין קאָפּ און דריק צום וואַנט און וויין —
און יאָמער ווי אַ יתום אין דער פרעמד...

אויף וועמעס מזל

אויף וועמעס מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?
אויף מיינעם אפשר קלאָגט אַזוי דער רעגן?
אָדער אויפֿן מזל פון אַ בלינדן הויקער,
וואָס שלעפּט זיך ערגעץ אויף פֿאַרשטויבטע וועגן?
צי אפשר אויפֿן הונט, דעם גלגול פֿון די וועגן?
אויף וועמעס מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?

פרעג ביי גאָט, ביי מענטשן, ביי דער וועלט

כ׳טראָג מיט מיר אַ טאָרבע געלע בלעטער,
און צעשיט ביי יעדן שוועל און טיר.
ס׳מאַכן מענטשן צו פּאַר שרעק די אויגן,
און עמיץ — שפּיר איך — גייט דאָ הינטער מיר.

ער מורמלט: וואָס שפּרייטסטו געלע בלעטער?
וואָס מאַכסטו טרויעריק און געל אַזוי די וועלט?
און איך ענטפער אין אַ שטילן טרויער:
פרעג ביי גאָט, ביי מענטשן, ביי דער וועלט.

איך גיי ארום אין פעלד אַליין

איך גיי ארום אין פעלד אַליין.
כ׳זע די זון פאַרגייט, פאַרגייט,
און איך אַליין פאַרגיי דאָ אויך,
איך — נאָך שענער פון דער זון.
ווייסט דען עמיצער דערפון?
ווייסט דען עמיצער דערפון?

איך גיי ארום אין פעלד אַליין.
כ׳הער ווי עמיץ וויינט און וויינט.
באוויינט די טויטע פעלדער דאָ.
און איך בין טויט, און איך בין טויט —
ווייסט דען עמיצער דערפון?
ווייסט דען עמיצער דערפון?

איך זיץ אין פעלד אַליין

איך זיץ אין פעלד ביינאַכט אַליין,
אַט קומט מיין הונט מיט שנעלע טריט,
ער שנאָרכט אַהער, ער שנאָרכט אַהין,
מיין הונט, מיין הונט, דו זעסט מיך ניט?

אַט איז דער הונט אויף מיינע הענט,
איך קוש אים אָן אַ פולן קאָפּ,
און צעוויין זיך אַזוי טיף —
רייסט דער הונט פון מיר זיך אָפּ.

און ער הויבט זיך פלוצלונג אויף
און צעבילט זיך אין דער נאַכט.
און אַן עכאָ ענטפערט אָפּ
אין דער טרויעריקער נאַכט.

וועלט, דו וועלט

וועלט, דו וועלט, דו האָסט מיין הארץ צעריסן,
און צעבלוטיקט מיט דיין הייסער רוט. —
עס וויינט מיין האַרץ און שרייט פון טיפן ווייטיק,
עס וויינט מיין האַרץ און שרייט מ י ט ב ל ו ט.

און גיי איך לאַנג אַזוי אויף דיינע וועגן,
ווערט אויך דיין האַרץ פון בלוט באַפלעקט און רויט.
ביידנס הערצער וואַגלען אום און קלאָגן:
פאַרשפילט איז שוין דאָס לעבן,
פאַרשפילט איז אויך דער טויט.

נאַכט

נאַכט. ס׳קריכט די פינצטערניש אין צימער אום.
אַט קומט זי צו צו מיר און שפּרייט זיך ארום מיר.
איך פיל זיך אַ געפאַנגענער ביי איר.
עס קלאַפּט מיין הארץ און ציטערט אַזוי שווער.
און אַ געשטאַלט אין מיטן צימער שוועבט אריין
און פּיאַנאָ־קלאַנגען, לייכט ווי זי,
הויבן זיך און לאָזן זיך אראָפּ, ווי זי,
און פליען ווייטער אום אַהין, אַהער.

און אָט איז זי אַ שטילע קעגן מיר
מיט אויסגעשטרעקטע הענט;
לאַנגזאַם גייט זי אום און הויבט ארויף די הענט
און לאָזט זיי לייכט אראָפּ;
אָט פליט זי נאָך די קלאַנגען נאָך,
ווי יאָגן וואָלט זי זיך נאָך זיי.
פליט; און פליענדיק
דרייט זי אַ ווייסע רויז ארום איר קאָפּ.
אָט שטרעקט זי אוים די האַנט צו מיר
און פירט איר האַנט אויף מיין געזיכט ארום, און גלעט.
קראַנק בין איך און מיד פון מענטשן,
שטאָט און שטויב און רויך.
די קלאַנגען און די פינגער
גלעטן אַזוי צאַרט מיין הארץ.
און איך טראָג זיך
מיט די קלאַנגען און די פינגער אין דער הויך.

אַ האַרץ צו אַ האַרץ

עס האָט אַ האַרץ צו אַ האַרץ זיך געטוליעט, געווינט,
געפלאַטערט, גערוישט אין דער לופט, אין דער הויך,
אָט צו די הימלען אַזוי ווייט, אַזוי ברייט,
און אָט צו דער ערד אַזוי שטיל, אַזוי בלייך —

און אָט — מיט אַמאָל זיך אויף אייביק צעשיידט.
עס יאָגט זיך אַ האַרץ פון אַ האַרץ אין דער נאַכט
און לאָזט זיך אַליין אַוועק אין דער נאַכט
מיט צעבלוטיקטע טריט, מיט געוויין אין דער נאַכט.

מער שטילקייט, מער נאַכט

עס שלאָפן שוין אַלע, און זי שלאָפט שוין אויך,
נאָר מיך הויבט די בייגקשאפט ארויף אין דער הויך.
איך זיץ ביי דעם טיש אַזוי איינזאַם און טראַכט,
איך בעט און איך שעפטשע: מער שטילקייט, מער נאַכט.

אַ גאָפל, אַ מעסער און ברעקלעך פון פיש
ליגן פארלאָזן, צעשפרייט אויפן טיש.
אַ פליג כאפט אַ ברעקל און פליט וואו אַוועק,
און פון אַ ווינקל צעשפרייט זיך דער שרעק.

עס עפנט ווער אויף די טיר

אין חדר איז פינצטער און שוואַרץ,
עס עפנט ווער שנעל אויף די טיר.
עס ציטערט מיט קעלט אויף די לופט,
אַ טראָט — און ער שטייט לעבן מיר.

איך פאַל אויפן בעטל פאַר שרעק,
אַ טויט־שוויס מיין שטערן באַדעקט.
מיר דאכט זיך, ער רופט מיך און רופט,
און שלעפט מיר די דעק און ער וועקט:

„דער אָרון ער איז שוין אין וועג,
„און אָט איז דיין שניי־ווייסע קלייד,
„און אויפן בית עולם ווייט, ווייט
„דיין קבר — ער שטייט שוין געגרייט".

ווען דער אומעט

ווען דער אומעט דריקט און פרעסט מיך,
און איך פיל זיך הילפלאָז, קראַנק;
ווען מיין נשמה שטאַרבט און גוססט
און די גסיסה שלעפּט זיך לאַנג,

בלייב איך איינזאַם אין מיין צימער,
אין דעם פינצטערן אַליין,
פאַר די שוואַרצע, שטומע שאָטנס
וויין איך אוים מיין האַרץ, און וויין.

און מיר וויינט זיך האַרציק-ביטער
אויף מיין נעכטן און אויף מיין היינט,
אויף דעם לאַנגן בריק פון לעבן
שטיי איך איינזאַם, אָן אַ פריינט.

און מיר דאַכט זיך, בלויז די שאָטנס,
וואָס זיי זיינען דאָ מיט מיר,
העלפן טראָגן מיינע שמערצן,
וועלכע ליגן טיף אין מיר.

ווען וואָלקן נאָך וואָלקן

ווען וואָלקן נאָך וואָלקן באַדעקן די הימלען
און ווילדער און שוואַרצער מאַכט זיי די נאַכט,
און ס׳קלאָגן די רעגנס אויף וועלדער אויף וויסטע,
און ס׳יאָמערן ווינטן מיט ווילדקייט און מאַכט, —

דאַן בלייב איך אַליין אין מיין איינזאַמען צימער
און קוק אויף דעם פענצטער פאַר׳יתומ׳ט און ציטער.
עס צאַנקט און עס גוססט דאָס ליכט אויף מיין טישל,
עס ציטערן שויבן פון בייזן געוויטער.

עס קעמפן די ביימער מיט גרויזאַמע ווינטן,
פאַרחלשט, צוזויפגעדרייט פאַלן זיי אום,
און איך האַלט מלחמה מיט שאָטנס מיט שטומע
וואָס שלעפן און בלאָנדזשען אויף ווענט זיך אַרום.

אויסגעצויגן ליג איך

אויסגעצויגן ליג איך אויף דער ערד אַ טויטער,
מיר צעקאָפּנס שטייען ליכט און ברענען,
און אַנטקעגן — מײַנע נאָענטע
זיצן אַלע מיט פאַרווייַנטע אויגן.
די שטילקייט שרייט פון יעדן שפּאַלט און ווינקל,
די נאַכט זי שטייט און פאַרבט אין שוואַרץ די פענצטער.
די שרעק איז ווי אַ שלאַנג, זי ציט זיך אוים אַריבער מיר.
און ביי מיין געלעגער אַ געשטאַלט אין ווייסן
מעסט מיר אָן די ווייסע קליידער מײַנע,
געבויגן רואיק שטייט זי, שעפּטשענדיק אַ תפלה.
אָט בוקט זי זיך און קוקט אַזוי פאַרטרויערט
אויסגעשטרעקט די הענט צום הויכן באַלקן,
פון דעם הויכן באַלקן ווייט אַ קאַלטער שווייגן.
אַן איילנדיקער שפּרונג — זי שפּרינגט אַרוים פון צימער
און קומט צוריק מיט פולע הויפנס וואַסער,
געמאָסטן לאַנגזאַם גייט זי צו צו מיר און שמייכלט,
און וואַשן נעמט זי מיין געזיכט און שטערן;
אָט ווישט זי מיט דעם ליילעך יעדן גליד באַזונדער
און אָט — אַ שפּרונג אַרוים דורך אַלע טירן...
און אַ נאָענטער מיינער לויפט איר נאָך אין דרויסן,
און קומט צוריק מיט אויגן פול מיט טרערן.

ווי אַ בעטלער

ווי אַ בעטלער אין דער פינצטער
שאַרט זיך צו צו יענעמס טיר, —
אַזוי שטיי איך פאַר יעדנס נשמה
און בעטל וואַרימקייט פאַר מיר.

נאָר פאַר אים די טיר פאַריגלט,
און פאַר מיר דאָס האַרץ פאַרמאַכט;
ער אַזוי ענלט, איך אַזוי איינזאַם
און פון מזל אויסגעלאַכט.

מיך האָט נאָך ביז איצט

מיך האָט נאָך ביז איצט קיינער ניט פאַרשטאַנען,
און קיינער וועט מיך קיינמאָל ניט פאַרשטיין;
אַזוי וועל איך אַוועק מיט צער פון דאַנען —
אַזוי וועל איך אין צער און פיין פאַרגיין.

און אפשר דאָרט וועל איך רו געפינען,
און אפשר, אוי, אויך דאָרטן ניט;
יואָגלען ווידער מיט אַ קאָפּ אַ מידן —
וואָגלען און פאַרשעלטן מיינע טריט.

ס׳האָט די וועלט מיין נשמה צעריסן

ס׳האָט די וועלט מיין נשמה צעריסן,
ווי אַ וואָלף אַ שעפּס אין מיטן וואַלד —
עס זיינען נאָך ביינער פאַרבליבן,
ס׳וועט אַ צווייטער זיי אויפעסן באַלד.

און וואָס פאַר אַ טויט אַזאַ לעבן,
און גרויזאַמער איז עס פון טויט.
אַ, מזל, פאַרצוקט זיין ביים לעבן,
און גאָרנישט ניט ברענגען דעם טויט.

II

מיט געלייטערטע טריט

ניט איר און ניט זיי
וועלן אויסלייזן אונז און די וועלט,
ניט איר און ניט זיי
וועלן ברענגען די געבענטשטע פרייד אויף דער וועלט.

עס מוזן די אויסלייזער געלייטערטע זיין,
מיט געלייטערטע טריט אויף דער זינדיקער ערד —
נאָר איר האָט פאַרבלוטיקט אונז און די וועלט,
צי קען מען מיט בלוטיקע הענט בויען אַ וועלט?

מען האָט אונז אָפּגענאַרט

איך ווייס — מען האָט אונז אָפּגענאַרט,
און די פרייד איז נאָך ניטאָ.
ניט איין זון וועט אויפגיין און פאַרגיין
ביז ס׳וועט קומען יענע שעה.

זאָלן מיר דערוויילע וואַרטן,
אָננעמען דאָס שלעכטס פאַר גוט?
לויבן גאָט און ליידן, ליידן
ווען עס ווייגט אין אונז דאָס בלוט?

אָדער ווי אַ בליץ פאַרשווינדן,
פאַנאַנדערפאַלן ווי אַ רויך,
די וועלט זאָל זיך פון אונז באַפרייען
און מיר אויף אייביק פון איר אויך?

אַז וואויל איז דעם

אַז וואויל איז דעם, וואָס איז אַ גלויביקער, און גייט מיט
פרומע טריט צום טויט,
אַז וואויל איז דעם, וואָס גייט אין אייביקייט מיט גוטע
שטילע רייד.
האָט צוטרוי צו דער וועלט און צו יענער וועלט נאָך מער —
און קומט אין יענע טויערן אַ ליכטיקער פון פרייד.

אַז וואויל איז דעם, וואָס איז אַ גלויביקער, און גלויבט אַז
אויפגיין וועט ער נאָכן טויט —
און אויפגיין אויך מיט אים וועט יענע גרויסע פרייד,
וואָס וועט האַלטן גלייך פאַר ביידע וועלטן די אָרעמס
אויסגעשפרייט —
און זיך צונויפגיסן מיט ביידע וועלטן זיינגענדיקערהייט.

אַליין אין מײַן צימער

האָב איך זיך אַליין פֿאַרשלאָסן אין מײַן צימער,
איז מײַן איך געפֿאַנגען דאָרט אויף אימער.
זאָלן מענטשן לײַדן, הונגערן און שטאַרבן,
זאָלן בוימער פֿוילן, זאָלן וועלדער דאַרבן — —
כ'שאַף מײַן וועלט פֿאַר מיר אַליין בײַ מיר אין צימער.

האָב איך זיך אַליין פֿאַרשלאָסן אין מײַן צימער,
איז מײַן איך געפֿאַנגען דאָרט אויף אימער.
זאָלן מענטשן שפּאָטן און מײַן רו מיר שטערן,
שפּאָט איך דאָך אַליין פֿון מיר, פֿון מײַנע טרערן —
כ'שאַף מײַן וועלט פֿאַר מיר אַליין אין צימער.

איך בין אַ באַלײדיקטער

איך בין אַ באַלײדיקטער.
נאָר װאױל איז אַ באַלײדיקטער צו זײן:
זיך אײַנשליסן און שװײַגן,
זיך לײַטערן אין פּײַן.

איך בין אַ באַלײדיקטער,
און מיר איז גוט:
ס'הײליקט זיך מײַן האַרץ,
ס'לײַטערט זיך מײַן בלוט.

אַ ליד

כ׳וואָלט זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט,
נאָר שוין לאַנג קיין טרער ניטאָ,
אויסגערונען לאַנג פון אויג
אין אַ טרויעריקער שעה.

כ׳וואָלט אַנטלאָפן ערגעץ ווייט —
איינער גייט מיר נאָך און היט,
כ׳וואָלט אַוועק פון זיך אַליין,
איינער שטייט און לאָזט מיך ניט.

איך בין ווייטער פון אייך

(מאַני לייבּ'ן)

איך בין ווייטער פון אייך און נעענטער צו זיך,
דערפאַר איז טיפער מיין פּיין און טיפער מיין פרייד.
איך בין איינזאַם און קראַנק, דאָך טראָג איך מיט זיך
מיין ליכט צו דער וועלט, מיין געזאַנג צום טויט.

איך בין ווייטער פון אייך און נעענטער צו זיך,
דערפאַר איז גאַנץ מיין טראַט און מיין בליק אַזוי ריין.
ווען עס פרעסט מיך דער צער, ווי די שאָטנס די נאַכט,
געפין איך מיין טרייסט אין דער שטילקייט אַליין.

וויג זיך, האַרץ, און וויג

מיט דעם אָוונטשיין אין דער נאַכט אַריין,
מיט דעם מאָרגנשיין פֿון דער נאַכט אַרויס,
מיט דעם אָוונטשיין וויג זיך, האַרץ, און וויג,
מיט דעם מאָרגנשיין קלינג דיין פֿרייד אַרויס.

מיט דעם אָוונטשיין שליס זיך איין און שווייג,
מיט דעם מאָרגנשיין צעצינד זיך מיט דיין בליק,
מיט דעם אָוונטשיין ווער אַליין דיין טרוים,
און דעם מאָרגנשיין ווער אַליין דיין גליק.

צום אמת פון דער וועלט

און ווען די נידערטרעכטיקייט דערגרייכט די העכסטע הימלען
זינגט ערגעץ וואו ארוים גערעכטיקייט און פרייד:
און ווען די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט נישטיקייט און גאוה,
הערסטו אין דער שטיל אַמאָל די אויסגעוויילטע רייד.

און ווען ס'פּאַרטויבט די ערד די שרייענדיקע פאַלשקייט
שלאָגט ערגעץ־וואו אַ האַרץ צום אמת פון דער וועלט:
און ווען די חוצפּה שרייט פאַרשייט און אויסגעלאַסן,
פּרעסט דאָרט די שטילקייט ווער צום שוועל פון זיין געצעלט.

און מיר איז טרויעריק

און מיר איז טרויעריק. וואָלט כאָטש עמיצער מיין נאָמען
אויסגערופן,
וואָלט כאָטש עמיצער פאַר מיר אַ ליכט געצונדן,
און אַן אַקסל מיר געגעבן זיך אָנצושפּאַרן און אַנטשלאָפן
ווערן,
און אין שלאָף פאַרוויגן מיינע ליידן, ווי אַ שוועסטער
פאַרבינדן מיינע וואונדן.

און מיר איז טרויעריק, און קיינער קומט מיר ניט אַנטקעגן,
און קיינער וועט מיך ניט — ניט מיט פרייד און ניט מיט
צער באַגלייטן:
ס'וועט שטענדיק איבער מיר אַ שווערער הימל הענגען,
מיט שווערע וואָלקנס אויף מיין קאָפּ זיך שפּרייטן.

שריי אַריבער דעם טרויער

שריי אַריבער דעם טרויער,
זינג אַריבער דעם צער:
ווי אַ באָרוועסער שיכור,
ווער פון ליידן דער האַר.

זיי שטאָלץ מיטן מזל
און לויב גאָט דערפאַר,
וואָס דער באָרוועסער שיכור
איז דער ליידנדער האַר.

אין די שוואַרצע נעכט

אין די שוואַרצע נעכט, אין די קאַלטע נעכט
בייט מיין טרויער אויף און צעשפּרייט זיך אין דער וועלט.
און ער נעמט מיך אַן און פירט מיך אין דער וועלט —
אין די שוואַרצע נעכט וואָגל איך ארום.

אין די שוואַרצע נעכט וואָגל איך ארום —
קראַנק און שטום פאַל איך צו אַ שטיין;
און עס קלאָגט מיין האַרץ און עס קלאָגט דער שטיין —
אין די שוואַרצע נעכט, אין די קאַלטע נעכט.

אין די שוואַרצע נעכט וויין איך מיט'ן הערבסט,
שריי איך מיטן ווינט, קלאָג איך מיט דער וועלט,
און איך הער אַ שטים רופט מיך ערגעץ ווייט —
פון די שוואַרצע נעכט, פון די קאַלטע נעכט.

מיט מיין קדיש הייליק איך דיין נאָמען

מיט מיין קדיש הייליק איך דיין נאָמען,
און דו שיינסט אין מיין זכרון.
ס'האָט דער טויט דיך אויך געהייליקט,
ווי דאָס שווערע לעבן — דיינע יאָרן.

אַ באפרייטער וועסטו אין יענע וועלטן שיינען,
אין רו, אין זעליקייט און פרידן
צוזאמען מיט די זיידעס, עלטער זיידעס,
מיט אַלע גוטע, גרויסע אידן.

אַ חלום

כ'האָב אין חלום היינט געזען מיין טאַטן,
ער איז געשטאַנען איבער מיר געבויגן,
אַ שטומער צער אויף זיין אַלטן פּנים —
און לעבעדיקע טרערן אין די טויטע אויגן.

געשטאַנען נעבן מיר און מיר געגלעט דעם שטערן,
און אַזוי געשוואָבט צו מיינע איבעריקע ברידער,
און פון די ברידער — אַ פאַרביינקטער צו די שוועסטער,
געמורמלט זיינע רייד פאַר זיי, אַ שטילער און אַ מידער.

און אַט שטייט ער אין אַ ווינקל, פאַריתומט און פאַרלאָזן,
מיט יענער וועלט ניט נאָענט און פון דער וועלט
דערווייטערט.
דאָך גייט אַ ליכטיקייט אויף אַלע זיינע וועגן —
ער האָט זיך מיטן טויט געהייליקט און געלייטערט.

מיין ליד

ווי ס׳רייסט זיך אַ פלאַנץ צו רייפקייט און גלאַנץ,
רייסט זיך מיין ליד צו גאַנצקייט און רו,
ווער עס טראָגט מיט אויפן וועג דעם דופט פון דער קוויט,
טראָגט אויך מיט דעם קלאַנג פון מיין ליד ערגעץ וואו.

און אַז ס׳בליט שוין די קוויט, ווי שטאָלץ איז די קוויט,
בליט דאָך מיין ליד מיט מיין פרייד, מיט מיין צער,
און אַז די זון וועקט זי אויף, און די נאַכט וויגט זי איין
גייט אויף אין מיר מיין ליכט — ווייל איך בין איר האַר.

וואַלד און פעלד

בלאָנדזשעסט אַרום אין די וועלדער אַליין,
וואַלד און פעלד הינטער דיר און פאַראויס.
עס שיינט אויף אַ טייך, מיט אַ פישער ביים טייך,
פון אַ הויז נעבן טייך אַ געזיכט קוקט אַרויס.

און אָט דרייסט זיך אַריין פון אַ וואַלד אין אַ פעלד,
די זון ברענט דיין לייב, דיינע הענט, דיין געזיכט.
דאָך קילט דיך דער וואַלד, ווען ער נעמט דיך אַריין,
נאָר באַלד אין אַ פעלד בלענדט די זון מיט איר ליכט.

בלאָנדזשעסט אַרום אין די וועלדער אַליין,
די שטילקייט זי שווייגט, געפּרעסט איז איר מויל.
די וועווערקע שפּרינגט פון אַ בוים צו אַ בוים,
די ביימער זיי שטייען אַזוי שווער און פויל.

בלאָנדזשעסט אַרום אין די פעלדער אַליין,
דער קריי פון אַ האָן דערפרייט דיין געמיט,
ווי אַ שיין אין דער נאַכט, ווי אַ טרייסט פון אַ פריינט,
דו גייסט אויף דיין וועג, און דו זינגסט מיט די טריט.

ס׳פאַלט צו די נאַכט און דו בלאָנדזשעסט אין וואַלד,
נאָך דיר גייען שטערן, שטערן אָן צאָל.
מיט פרייד פאַלסטו צו צו אַ בוים, צו אַ שטיין,
און צעזינגסט זיך אַליין הויך אויפ׳ן קול.

ווער אַ קינד צו דער וועלט

ווער אַ קינד צו דער וועלט און צו גאָט,
טראָג דעם יאָך פון זיי ביידן מיט פרייד.
דערפיר מיט דיין אייגענעם טראָט,
דערפריי און דערהויב דיינע רייד.

איבער אַלעמענס קעפּ הויב זיך אויף,
די שלעכטע פאַרלאָך און פאַריאָג.
זיי שטאָלץ — ווייל מיט פרייד גייסטו אויף,
מיט דער פרייד פון העלן פאַרטאָג.

רעגן, רעגן

רעגן, רעגן, שטאַרקער גיס,
שווענק אַראָפּ פון דר'ערד דעם שטויב,
עס קלאָגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט,
אין רעגנגוס באַווייז זיך, זון!

און בליץ, דו בליץ, שנייד דורך אין פלאַם
און צינד אָן די וועלט אין פלאַם;
עס קלאָגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט,
און נאָכ'ן בליץ צעשטראַל זיך, זון!

און מענטש, דו מענטש, שטיי אויף און זינג,
בליץ אויף מיט פרייד, גיי אויף מיט זון;
עס קלאָגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט,
בליץ אויף מיט פרייד, גיי אויף מיט זון!

ס׳האָט די צייט פאַרשאָלטן דעם מענטשן

ס׳האָט די צייט פאַרשאָלטן דעם מענטשן,
ס׳האָט דער מענטש פאַרשאָלטן די צייט;
וואָגלט די צייט און וויינט אויף די וועגן,
וואָגלט דער מענטש און קלאָגט אין דער ווייט.

„ווער וועט שטילן מיך און מיין טרויער?"
די צייט גייט אים נאָך, טרייבט אים מיט שרעק.
„דו האָסט מיט שנאה פאַרפלאָנצט דיינע וועלטן",
צאָרנט זי אויף און וואָגלט אוועק.

זיי וואָגלעןביידע מיט פלוך אויף די ליפּן,
פאַרשטויסן, פאַריאָגט — פון זיך, פון דער וועלט.
זיי האָבן צום שלום די זון שוין פאַרבעטן,
נאָר גאָט האָט די זון מיט וואָלקנס פאַרשטעלט.

מיר ווערן עלטער

מיר ווערן עלטער, דער טויט טרעט שוין צו,
וויגט איין אונזער לעבן, פאַרטראַגט ערגעץ וואו.

איך הער שוין אַ ביטער געוויין אין דער לופט,
דער טויט פירט אַ טויטן און שמייכלט און רופט.

באַלד וועלן מיר אַלע שוין ציען צום טויט,
פאַרוואַרפן די רידלען, די קברים שוין גרייט.

וועט קלאָגן די וועלט און זיך פרייען צוגלייך —
נאָך אונז גייט אַ יוגנט ווי אַ רוישיקער טייך.

איך ווייס

איך ווייס — דו קענסט מיר גאָר ניט געבן,
פון מיר אַליין גייט אויף מיין ליכט.
מיינע מעשים ווערן שענער,
נאָר טרויעריקער — מיין געזיכט.

שניי און רעגן

דער שניי ער שנייט אין רעגן,
פאַררעגנט ווערט דער שניי;
און איך אויף אַלע וועגן
אין שנייאיקן געדריי.

און איך אויף אַלע וועגן,
מיט אַ שווער געמיט,
טראָג דעם צער פון רעגן
און וויין מיט מיינע טריט.

דער דיכטער

מעג דער דיכטער ווי אַ ווינט פֿון זיך אַליין זיך וויגן,
און ווי די זון זיך צינדן אין אַלע עקן וועלט;
און אויפֿגיין מיט זיין שיין וועלן הערצער העל ווי שטערן,
צוגלייך מיט גראָז און בוים, אין וואַלד, אין פֿעלד.

טייל וועלן אים פֿאַרלאַכן, טייל וועלן אים פֿאַרשווייגן,
נאָר זיין ליד באַרואיקט, נאָר זיין ליד באַפֿרייט —
ער איז דער האַר פֿון נעכטן, ער איז דער האַר פֿון מאָרגן
און דער גרויסער סוד פֿון דער וועלט און צייט.

האָב מיטלייד און שווייג

(ל. שאַפּיראָ)

זיי קלוג, גרויסמוטיק, האָב מיטלייד און שווייג,
פאַרקוק, פאַרגיב און מייד אוים.
ווער נאָענט צו דער וועלט, באַהעפט זיך מיט איר,
און פאַל אויף איר האַרץ, און לאַך אויף איר שוים.

קליין איז דער מענטש און נישטיק די וועלט,
גרוים איז דער מענטש, נאָר גרעסער די וועלט;
עס נעמט אָן אַזאַ צער, עס נעמט אָן אַזאַ פרייד —
ניט בענטש זי, די וועלט, און ניט שילט.

דער אָדלער פליט אַליין

אין מחנות פליען פייגל,
דער אָדלער פליט אַליין —
מיט ברייט צעשפּרייטע פליגל,
דער שנאָבל — ברוינער ביין.

און לאָזט ער זיך אַרונטער
און בלייבט ער ערגעץ שטיין —
ווערט ער אין דער ווייטקייט
די ווייטקייט אַליין.

*
* *

דאָרן, שטעך ביז ביין,
זון — פֿאַרבלענד מיט שיין.
גאַנץ זאָל זיין מיין פֿרייד —
גאַנצער נאָך מיין פּיין.

דער הערבסט — אַ בעטלער אויף די וועגן

דער הערבסט — אַ בעטלער אויף די וועגן,
וויינט מיט אַלע ווינטן, וואָגלט מיטן רעגן.
טראָגט אויף זיך דעם טרויער, ווי אַ האָרב אַ שווערן,
שרייט פון אים דער טרויער — הערן אַלע שטערן.

און מיר ווערן טיפער — ס'בליט דער צער אין האַרצן,
דער הערבסט אויף אַלע וועגן מיט זיין מזל מיט זיין
שוואַרצן,
און לאָזט ער וואו אַ צייכן, ווערט נאָך פינסטערער און
שווערער —
און דער צער ווערט גרעסער און דער צער ווערט מערער.

אונזער וואָרט איז נאָך ניט טויט

אונזער וואָרט איז נאָך ניט טויט,
כאָטש דער הימל איז שוין רויט,
און די זון פאַרגייט, פאַרגייט —
אונזער וואָרט איז נאָך ניט טויט.

גייט עס אונטער דאָ און דאָרט,
בליַען וועט נאָך אונזער וואָרט,
אויפגייַין אין אַן אַנדער אָרט —
בליַען וועט נאָך אונזער וואָרט.

און דערווייל פאַריאָג די שרעק
און דעם שוואַרצן שד פון וועג,
וואָס לויערט שוין אויף אונזער ברעג
מיט שווערער פינצטערניש און שרעק.

אונזער וואָרט איז נאָך ניט טויט,
וויינט און זינגט אין אונזער נויט,
וויינט און זינגט אין אונזער ברויט —
אונזער וואָרט איז נאָך ניט טויט.

שווייגן

שווייגן איז וואויל, און שווייגן איז גוט,
ווען עס קלאָגט דיין האַרץ און עס וויינט דיין בלוט.
שווייגן איז גוט און שווייגן איז שווער,
ווען עס קלאָגט דיין האַרץ און עס קוועלט דיין טרער.

אַ ליד

האָסט אַן אויג — זע,
האָסט אַן אויער — הער;
האָסט אַ האַרץ — דערפיל
ווי שווער איז מיר און שווער.

שאַרף די חושים, שאַרף
און צעשטראַל זיך העל;
שטראַל פון פולן שיין —
צעלויכט זיך אויף מיין שוועל.

טויט

מיין לעבן וויל מיך שוין פאַרלירן,
און איבערגעבן מיך צום טויט.
אָ, וואו זיינען מיינע שטערן
ווען מיין זון, מיין זון פאַרגייט?

עס קומט דער טויט און וועט מיך נעמען,
און איך וועל גיין דאָרט וואו ער גייט,
איך בין דעם לעבן נאָכגעגאַנגען —
וועל איך זיך שטעלן קעגן טויט?

מיין לעבן וויל מיך שוין פאַרלירן,
און איבערגעבן מיך צום טויט.
איך בין אין טויט, איך בין אין לעבן
ווי אַ רונדער רינג אין קייט.

אַ ליד

וויג דיין שכורן קאָפּ,
אין שכרות לייכט אויף און פאַרגיי,
צינד דיינע שעה'ן און טעג —
און לעש זיך אינאיינעם מיט זיי.

צייט און טרויער פאַרהיילט,
זון גייט אויף און באַפרייט.
און דו, מיט ליכטיקער פרייד —
באַפריי די וועלט און די צייט.

אין שווערן יאָך פון לעבן

די וואָס גייען אין שווערן יאָך פון לעבן
שטיל און מוטיק, טראָט נאָך טראָט, —
גייען אויף ווי שטערן אויף די וועגן,
מיט געזאַנג צום הימל און צו גאָט.

גייען אויף, צינדן זיך און לויכטן,
און ליכטיק ווערט אויף אונזער ערד.
זיי גייען שטיל מיט זייער ליידן,
ווייל ליידן שטיל איז זיי באשערט.

אונזער ליד איז ניט פאַר היינט

אונזער ליד איז ניט פאַר היינט —
פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן.
מיר איז טרויעריק, מיין פריינט,
כאָטש פאַרשטום און ווער פאַרלאָרן.

דעם נעכטן האָבן זיי געשענדט,
אַזוי ניכטער און מיט צאָרן;
עס ווייגען מיינע מידע הענט —
כאָטש פאַרשטום און ווער פאַרלאָרן.

און וואו פירן זיי דעם היינט,
וואָס האָט ער אונז געגעבן?
מיין טייערער, מיין נאָענטער פריינט,
צי קען מען זיי פארגעבן?

צעריסן האָבן זיי די צייט
און דעם שנור פון לעבן,
מיין טייערער, מיין נאָענטער פריינט,
ווי קען מען זיי פארגעבן?

אונזער ליד איז ניט פאַר היינט —
פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן.
מיר איז טרויעריק, מיין פריינט,
כאָטש פאַרשטום און ווער פאַרלאָרן!

אויפן טויט פון ראובן לודוויג

ביזט געווען ביי אונז די ציטערדיקע פליט,
דער זינגנדיקער צער פון ווײנענדיקע צווייגן;
דער טרייסטנדיקער קלאַנג פון יאָמערלעכן שווייגן,
דער פאַרבן־שפיל פון הערבסט, דער קוש פון טויט.

געקומען ווי אַ שיין אין טונקל גרויע טעג,
אין שיינענדיקער פרייד פאַר אונז דיין הארץ פאַרטרויט.
איצט ביזטו שוין געהילט אין שאָטנס פון דעם טויט,
מיר שטומען מיט דעם צער, מיר גרוילן מיט דעם שרעק.

צו...

איך באַדויער און שווייג און דערהויב זיך צו גאָט,
מיט מיין דערהויבענער קלוגשאַפט לאָך איך אַריבער
דיין שפּאָט.
זע, די שטיינער זיי פאַלן צוריק און הילכן אַפילו ניט אָפּ —
דאָך קראַנק איז מיין האַרץ פון פאַרדראָס, פון פיינלאַכן
שאַנד — מיין קאָפּ.

און דאָך וועט ניט שטראָפן דיך גאָט, און מוחל זיין וועט
ער ניט אויך.
שטראָפט דען אַ ווערעמל גאָט, אַ קויטיקן, קריכנדן רויך?
האָט דען ביי גאָט אַ ווערט דעם ווערימל׳ס צער און זיין
פרייד —
בלויז אַ שמייכל, אַ קרים מיט דער ליפּ — אויף אים,
אויף זיין לייד.

צו...

דו ווילסט אויף אונז מיט גוואַלד ארויפצווינגען דיין ליד,
כאָטש פלאַך איז זי, און נישטיק דיין געמיט.
און מיר האָבן ליב די זון און מיר האָבן ליב איר ליכט —
און אַפילו בלינדע וועלן ניט נאָכגיין דיינע טריט.

דו האָסט אַלע פאָרמען אויסגעבאָרגט און אַלע שולן
נאָכגעגאַנגען,
און אַנטפּלעקסט זיך ניט — ניט פאַר אונז און ניט אין זיי;
און מיר שמייכלען — ווייל דיין ליד איז אויסגעטראַכט
און קאַלט
מיט פוסטע רייד, מיט פאַלשן וויי.

און דו ביזט בייז, וואָס מיר האָבן דיך פאַרטריבן —
אָן בייטש, אָן וואָרט פון אונזער ריי.
יאָ, מיר ווייסן ווי וואונדערלעך די בלומען דופטן,
נאָר שטרוי איז שטרוי, אין אַלע צייטן שטרוי...

צו מאַני לייב

איך האָב דיך אין טאָג פון דיין יום טוב געהיט,
געגאַנגען מיט דיר און געציילט דיינע טריט.

יעדן פלעק, יעדן שטויב פון דיין אַקסל פאַרשאַרט,
און מיט פרייד אויף דער פרייד פון דיין יום טוב געוואַרט.

און ווען דו האָסט געוויינט, ווייל דיין יאָך איז דיר שווער,
האָט אויך פון מיין אויג זיך געריסן אַ טרער.

כ׳האָב אָן ווערטער גערעדט און געפלאַטערט ווי דו,
ווייל איינזאַם בין איך און איינזאַם ביזטו.

אויפן טויט פון מ. ל. האַלפּערן

דו האָסט זיך אָפּגעריסן — און אַוועק.
נאָך דיר דער טרויער אויף דיין וועג —
נאָך דיר דיין ווייב, דיין ליד, דיין קינד
און דער וויינענדיקער ווינט.

זיי וויינען אַלע אין דער וועלט,
ווי דער הערבסט אין וואַלד, אין פעלד;
און איך אין ווייטער וועלט אַליין
ריים זיך אויך מיט מיין געוויין.

צו...

דו האָסט זיך ניט אַנטפּלעקט אין טרויער,
דו האָסט זיך ניט אַנטפּלעקט אין פרייד.
דו ביזט גאַליק, פול מיט שנאה,
און מיט קנאה, דיינע רייד.

עס רייצט די זון אין דיר דיין צאָרן,
ווייל דו פאַרגינסט איר ניט איר שיין
און די אַלע העלע שטערן,
וואָס וויגן וועלט און מענטשן איין.

דו ביזט קליין און ניט דערוואַקסן
צו אַלץ וואָס שיינט אַריבער דיר;
דיין אייגן גאַל וועט דיך דערווערגן —
צו וואָס דער קאַמף, דער קריג מיט דיר?

צו...

דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געטראָפן,
ניט מיט רייד און ניט מיט סטראָפן.
איך וואָלט באדויערט און געשוויגן
ווען איך קען דיך ניט באזיגן.
איך וואָלט געזאָגט — עס איז פארפאלן,
עס פאלן די, וואָס מוזן פאלן!
נאָר דו ביזט קליינלעך און פארביסן,
דו האָסט אליין דיין הארץ צעריסן!
לאָז אָפּ דעם קאַמף און ווער אנטשוויגן —
איך וועל ניט איינמאָל דיך באזיגן!

סאָנעטן

I

טרויעריק איז יעדן איינעם אויף דער ערד,
אַפילו פלאַנצן וויינען, אַפילו שטויב.
שווער און איינזאַם איז דעם וואָלף ווי אויך דער טויב —
און קיין אויסגאַנג איז ניטאָ, דער צער פאַרצערט.

און אַזוי איז שוין פאַרזיגלט און באַשערט:
דער עלנט זאָל זיך שפּיגלען אין דיין שויב,
דער צער זאָל רייפן ווי אין הערבסט די טרויב
און ווערן זאָלסטו אין דעם צער צעשטערט.

נאָר דו ווערסט ניט פאַרלענדט — ווייל דו ביזט ווי גאָט
איבער אַלע ליידן, איבער נויט און שפּאָט
אויב דער צער גייט נאָך — גייט דיין פרייד פאַראויס.

פאַרהיל, פאַרוויג דעם צער, נעם אויף דיין גליק,
אין דעם ווייטן וועג רוען זאָל דיין בליק —
ערגעץ אויף אַ פעלד צעבליט זיך שוין דיין רויז.

II

ערגעץ אויף אַ פעלד צעבליט זיך שוין דיין רויז.
וואָס רוישט אַזוי אין ווינט דאָס גראָז, דער בוים?
און ווען דער פויגל פליט, וואָס רוישט דער רוים?
אַלץ וואָס איז אין קלעם מאָנט און שרייט ארויס.

די נאַכט פאַלט צו און נעמט ארום דיין הויז,
פאַרפירט דיך ווי אַ פרוי, בלענדט דיך ווי אַ טרוים,
דו רייסט זיך צו דער ווייט, נאָר דו ביזט אין צוים,
ווילסט צאַנקען מיט דער נאַכט, וואָס לעשט זיך אויס.

נאָר דו ווייסט קיינמאָל ווען דו וועסט אַוועק,
צי פירן וועסטו דיינע שווערע טעג
אָדער גאָר זיי לאָזן הפקר און אַליין.

דער טויט וועט קומען אומגעריכטערהייט,
כאָטש ער האָט דיר דעם קבר לאַנג געגרייט,
דער טאָג וועט זיך צעטראָגן מיט דיין געוויין.

III

דער טאָג וועט זיך צעטראָגן מיט דיין געוויין,
און זיך פאַרשליסן פינצטער, פוסט און קאַלט,
דעקן זיך מיט אָוונט ווי מיט נאַכט דער וואַלד
און אין בענקשאַפט אויסגיין ערגעץ אויף אַ שטיין.

און אין דיר וועט שרייען, מאַנען דיין געביין,
דיין זון גייט אונטער און דער טאָג צעפאַלט.
דער טאָג איז שוין מיליאָנען יאָרן אַלט —
מיליאָנען יאָרן וויין איך שוין און וויין.

איך בינד זיך מיט די דורות און מיט מיין דור,
ווי ס'בינדט זיך יעדער חלום מיט זיין וואָר,
און באוואונדער — אָ, ווי הערלעך און ווי שיין.

די וועלט איז פול מיט וואונדער ווי מיט שרעק,
דער צער צעאַקערן וועט יעדן וועג,
ווען די זון וועט שוין אויף אַלע מאָל פאַרגיין.

IV

װען די זון װעט שױן אױף אַלע מאָל פֿאַרגײן
װעט ברענגען איר דער טױט צו זיך אין שלאָס,
אַ שװאַרצע הײל, אַן פֿענצטער און אָן גלאָז —
װער עס קומט דאָרט אום, צעפֿאַלט װי קרוכלשטײן.

און דו װעסט מורמלען אין דער נאַכט און גײן,
דער װינט װעט װאָיען, װײנען װעט דאָס גראָז
מיט אַזױפֿיל מורא, בענקשאַפֿט און פֿאַרדראָס —
װעסט פּלוצלונג װי פֿאַרלאָרן בלײַבן שטײן.

דער גרױל װעט זיך צעשפּילן אױף דײַן שװעל,
און ברומען װעט דײַן האַרץ װי אַ װיאָלינטשעל,
און זוכן װעסטו רו אין אַ נאָענטער שױם.

דער טײַך װעט רױשן מיט אַזױפֿיל װײ,
װי עס רױשט דער װינטער אין פֿראָסט און שנײ —
און קלאָגן װעט די ערד, װײַל דער צער איז גרױס.

V

און קלאָגן וועט די ערד ווייל דער צער איז גרויס
ווייל אויף אַלע יאָרן וועט די זון אַוועק,
וואו וועלן זיך אַהינטאָן אַזויפיל טעג —
וועלכע מאַכט וועט זיי פאַרניכטן, וועלכער שטויס?

און דו וועסט זיך פילן דערשלאָגן און בייז,
און זיך פאַרלירן אַליין אויפ׳ן וועג,
הינטער דיר און פאַראויס דער טויט און דער שרעק
מיליאָנען יאָרן שפיר איך און איך ווייס.

און אַזוי וועט פאַרגיין אַ וועלט נאָך אַ וועלט,
דער בוים וועט פאַרדאַרן אין וואַלד און אין פעלד
און דער שטיין וועט שרייען: צעשפּאַלט מיך, צעשטויס!

דער הימל וועט קוקן אַזוי שווער און שטום,
אויף אַלץ וואָס צעקריכט, צעפאַלט און קומט אום
און דיין טרער וועט דיך שטיקן פייערדיק הייס.

VI

און דיין טרער וועט דיך שטיקן, פייערדיק, הייס,
ווייל אויך דו אליין וועסט ווערן פארלענדט;
די נאכט וועט שרייען און ברעכן די הענט —
ווייל אלץ וועט זיך רייסן און מאנען: — פארשטויס!

און דיך וועט באשלאגן א קאלטער שוויים,
דער עלנט וועט גרוילן אויף דיר, אויף די ווענט;
דו האסט שוין דיין אייגענע וועלט ניט דערקענט,
פארפלייצט איז דאס דארף און טויט איז דער שטרוים.

און דו וועסט אוועק צוגלייך מיט דער צייט,
די צייט וועט צעקריכן ווי רויך אין דער ווייט,
דער טויט וועט שמייכלען אזוי נישטיק און קליין.

דער טויט וועט אליין פארשווינדן אויף לאנג
און וועט שוין ניט הערן זיין אייגענעם קלאנג —
די שטילקייט וועט שווייגן און שטשירען די ציין.

VII

די שטליקייט וועט שווייגן און שטשירען די ציין,
די פוסטקייט וועט ליגן קאַלט, אַן באגער,
דער רוים וועט הענגען פאַרגליווערט און שווער,
דער הימל וועט פאַלן, די לופט וועט צעגיין.

און ווער וועט דאָס וויסן, און ווער וועט פאַרשטיין,
אַז אַלץ איז פאַרוויסט און איז ווילד און איז לער,
אפשר וועט די פינצטערניש נאָכשפּירן ווער —
און ווייזן וועט ער ווי די וועלט וועט אנטשטיין.

אַ קינד וועט רופן די זון אינ׳ם טאָל,
און די זון וועט נאָכגיין נאָכ׳ן קלאַנג פון קול
און וועט זיך צעלויכטן אַזוי העל, אַזוי ריין.

און דאָך וועט ווער ווײנען פאַרביסן און שטיל,
שניידן און זעגן דעם רוים ווי אַ גריל —
ס׳וועט שרייען די ערד דורך פלייש און דורך ביין.

VIII

ס׳וועט שרייען די וועלט דורך פלייש און דורך ביין,
דאָך וועט זינגען דער טאָג, ס׳וועט שפּילן דער ווינט
אויף בוימער, אויף פלאַנצן, אויף גרעזל, וואָס גרינט,
אויף ריזיקע דעמבעס, אויף גראָז וואָס איז קליין.

ווי וועט זיך די צייט אָן דעם מענטשן באַגיין?
די צייט וועט זיין שטום, פאַרשלאָסן און בלינד,
וועט ער זיך אַנטפּלעקן, ריין ווי אַ קינד,
און פּלוצלינג פון ערגעץ קומען צו גיין?

ער גייט און וועט קומען אָפן און פריי,
וועט זיך צעבליען ווי פרילינג אין מאַי,
דער ווינט וועט קילן זיין קלעפּיקן שווייס.

דער פויגל וועט רופן אין דער ווייט אַריין
צום טאָגיקן ליכט, צום העל־קלאָרן שיין,
מיליאָנען יאָרן שפּיר איך און איך ווייס.

IX

מיליאָנען יאָרן שפּיר איך און איך ווייס —
אַלץ וועט זיך וואָרצלען, ווייל אַלץ האָט אַ זין,
דער בוים און די בלום, דער מענטש און די בין,
דאָס ערדישע וואונדער גליט און איז היים.

דו טראָגסט זיך מיט אים וועלט־איין און וועלט־אויס,
קומסט אויף אין פרילינג, צעבליסט זיך אין גרין,
דו וועסט מיט אַ שפּיי פאַריאָגן די שפּין —
דו ביסט דאָס לעבן, מיט פרייד זינגסטו ארויס.

הימלען און היגלען, וואַסערן פון טייך
זינגען פון אויפקום און אומקום צוגלייך
און אין דיר פלאַטערט דיין ליכטיק געמיט.

די נאַכט וועט קומען אין שוואַרץ און אין בלוי
און וועט דיך פאַרשפּילן שטיל ווי אַ פרוי
און דו וועסט אויפגיין אין געזאַנג פון דיין ליד.

X

און דו וועסט אויפגיין אין געזאנג פון דיין ליד,
ווייל אין דיר זינגט דער טאָג, און אין דיר זינגט די נאַכט;
דו ביזט דער קעניג, דיין ליד איז דיין מאַכט —
פאַרוואָס איז דער קעניג אַזוי קראַנק און מיד?

און עס גייט אויף דיין וואָרט, צעברענט זיך און גליט;
כאָטש די וועלט האַלט אירע אויגן פאַרמאַכט,
און דו גייסט און וואָגלסט, פון לעבן פאַרלאַכט,
און ס'האַלט דיך דער טרויער אין אייזנס געשמידט.

נאָר דו ביזט דער האַר פון צער און פון פרייד,
וועסט זיך פאַרוויגן, פאַרנאַרן מיט רייד,
ווייל טיף איז דער ים און שאַרף איז דער שניט.

דו גייסט דורך דעם לעבן בלוטיק און רויט,
דו האָסט זיך געלייטערט, געהייליקט אין טויט,
דו האָסט זיך דורך אַלע גלגולים צעבליט.

XI

דו האָסט זיך דורך אַלע גלגולים צעבליט,
כאָטש זיי האָבן געוויינט, געקלאָגט אין דיין בלוט,
דו האָסט זיי באַצוואונגען, ווייל גרויס איז דיין מוט
און ס׳גייט אויף דער טאָג מיט זון און מיט צוויט.

און דאָך גייט ווער אום, לויערט און היט,
עס לויערט דער שאָטן, אויפ׳ן שוועל דיינעם רוט,
נאָר דו ביסט געהאָרכזאַם, געדולדיק און גוט,
גייסט אום אַ פאַרביינקטער און זינגסט מיט די טריט.

ביזט שפּיל און געזאַנג און הערלאַכער שיין,
פון אייביק ביז אייביק אַזוי וועסטו זיין,
מיט פרייד וועסטו אויפגיין אין לויטערן ליכט.

דו וועסט זיך צעצינדן, זיך רייסן אין פלאַם,
ווי ס׳רייסט זיך אין שטורם מיט אימפּעט דער ים,
נאָר ס׳וועט דיך באַפאַלן דער שרעק אומגעריכט.

XII

און ס'וועט דיך באפאלן דער שרעק אומגעריכט,
דו ביזט אזוי איינזאם און וויינסט שטומערהייט,
א וועלט פון א וועלט צערייסט זיך, צעשיידט
און עס שרייט נאך דיר ווער — צעשטער און פארניכט!

דאך ווערסטו געלייטערט און ס'לויכט דיין געזיכט,
ווייל אין דיר זינגט די ווייט און רופט ווי א פלייט.
נאר דו ווערסט ניט וויסן, ווי ווייט זי פארגייט,
און אלץ אין דער ווייט פארשווינדט און צעקריכט.

דאך האסטו באהערשט אי די ווייט אי די טיף,
ווי א שיפס-קאפיטאן זיין שטאלענע שיף,
און וואלקנס שווימען אריבער דיין קאפ.

האסט דערפער געברענט און טורעמס געבויט,
אליין מיט דער קאלטער וועלט זיך געגרויט,
און ס'קלינגט דיין געוויין אין דער ווילדערניש אפ.

פאַרוואָס?

פאַרוואָס האָבן מיר אַלע אַזוי ליב דאָס לעבן,
פרעגט מיך מיין האַרץ אויף יעדן טראָט,
און פאַר אַלץ, וואָס איז ווייט און דאַנעבן,
זינג איך אַרוים אַ לויב צו גאָט?

מיך כישופן די ווייטסטע שטערן,
כאָטש איך בין געבויגן צו דער ערד,
די ערד איז פול מיט אומגליקן און טרערן,
ניט איינמאָל האָט זי זיך אַליין צעשטערט.

נאָר עס ווייט אַזוי פיל פרייד פון יעדן פלאַנץ און בלימל,
און פון יעדן ווערימל, וואָס אָטעמט קוים,
עס איז ברייט די ערד, אומענדלאך איז דער הימל,
נאָר איך בין נאָך אומענדלאכער מיט מיין וואונדער,
מיט מיין טרוים!

III

זיי מיין טרייסט

טו זיך אָן, פּוץ זיך אוים אין דיין שניי־ווייסע קלייד
און מיט לאַנגזאַמע טריט קום צו נאָענט צו מיין בעט.
דו מיין ליכטיקע פרייד, מיין טייערער גליק,
פאַל צו צו מיין האַרץ און פאַרוויג מיין געבעט.
איך בין מיד, אַזוי מיד; איך בין קראַנק, אַזוי קראַנק.
דער צער, אוי, דער צער, ער ברענט און ער גליט
און מאַטערט מיין האַרץ און פייניקט מיין זעל.
מיט קלאָג און מיט אַנגסט איז פול מיין געבעט.
קום צו צו מיר נאָענט, בויג דיין קאָפ צו מיין קאָפ
און צעלאָז דיינע האָר און פאַרדעק מיין געזיכט.
אין מיין לעבן פון צער און פון פיין זיי מיין טרייסט,
אין מיין לעבן פון שרעק זיי מיין שוץ, זיי מיין ליכט.

ארויסגעריסן ווי אַ ווילדע פלאַנץ

ווי מען רייסט ארוים אַ ווילדע פלאַנץ
האָב איך דיך פון מיין האַרץ ארויסגעריסן,
געבענטשט זאָל זיין די שעה אויף אַלע מאָל,
וואָס האָט אויף אייביק מיין בונד מיט דיר צעריסן.

איצט גיי איך אויף, ווי פייער אין אַ ווינט —
אַ באנייטער צו מיין פרילינג, צו מיין גליק,
עס ווינקט צו מיר די פרייד און שמייכלט אין דער ווייט,
כ׳וועל זיך שוין צום הערבסט ניט אומקערן צוריק.

ווי וואונדערבאַר עס בליט מיין טרוים

ווי וואונדערבאַר עס בליט מיין טרוים
אין האַרץ ביי מיר פאַר דיר,
און זינגענדיק דערנענטערט זיך
אַלץ נעענטער צו דיין טיר.

ווי וואונדערבאַר איז יענע פרייד
און יענער גליק פאַר מיר,
ווען דו וועסט פלוצלונג, שיינענדיק,
אַן עפן טאָן דיין טיר.

מיין שוואַרצער, שוואַרצער טרויער

כ׳האָב ליב אַזוי צו קוקן אין דיינע גרויסע אויגן,
אין דיין וויגנדיק האַרץ, וואָס האַלט זיך אין איין וויגן,
צי פון פרייד און צער, צי פון גליק און טרויער —
כ׳האָב ליב אַ האַרץ, וואָס האַלט זיך אין איין וויגן.

כ׳האָב ליב אַזוי צו גלעטן דיינע לאַנגע פינגער,
און דיינע שוואַרצע האָר דערמאָנען מיר מיין טרויער;
זיי רייצן זיך מיט מיר און שפילן מיט מיין מזל,
דיינע שוואַרצע האָר, מיין שוואַרצער, שוואַרצער טרויער!

פערלדיקע מיינע דו

פערלדיקע מיינע, דו!
עס ביינקט מיין הארץ אזוי נאך דו.
רויטער, הייסער פליסט מיין בלוט —
ליכטיק קינד מיינס, וואו ביסטו?

פייניקסט מיך — טא שטיל מיך איין,
עס ווערט מיין הארץ פארצערט פון פיין,
רייצט מיט גליק — טא לייז מיך אוים,
שיק אויף מיר דיין שטילן שיין!

פראל אויף דיין הארץ פאר מיר מיט פרייד
און פארוויג מיט גוטע רייד;
ערגעץ ריים איך זיך און וויין,
לייז מיך אוים פון זיך אליין.

כ׳גיי אַרום אַרום איר הויז

כ׳גיי ארום אַרום איר הויז
שעה׳ן לאַנג ;
זי איז ניטאָ, זי איז ניטאָ,
מיר טוט עס באַנג.

כ׳קום צום פענצטער, צו דער טיר,
כ׳ווער דערפרייט ;
כ׳זע זי פון איר טיר ארויס —
זי גייט, זי גייט.

וואָס רייצסטו מיך?

וואָס רייצסטו זיך מיט מיר?
פֿייניגסט אַזוי שווער;
כ׳גיי אַוועק פֿון דיר,
כ׳וועל ניט קומען מער.

כ׳וועל ניט קומען מער.
זיין אַליין מיט מיר —
ווי שווער דאָס איז, ווי שווער
זיין אַליין אָן דיר...

איך קום צו איר

כ׳קום צו איר גאָר זעלטן,
ווען ס׳בענקט זיך נאָך געזאַנג;
זי גלעט מיך מיט ווערטער,
זי וויגט מיך מיט איר קלאַנג;
כ׳קום צו איר גאָר זעלטן,
ווען ס׳בענקט זיך נאָך געזאַנג.

ווי אָפענע פעלדער...

ווי אָפענע פעלדער — דיינע אויגן
מיט פרייד אין דער ווייטקייט אריין,
ווי צווייגן — דיינע הענט געבויגן
ארום מיין קאָפּ, ווי אוונטדיקער שיין.

זאָלן דיינע פעלדער מיך רופן,
מיך פירן אין די טאָלן פון פרייד,
דיין ליכט זאָל זינגענדיק פאַלן
ווי עס פאַלן פון א קלונגן די רייד.

ביי דיינע פיס בין איך געלעגן

ביי דיינע פיס בין איך געלעגן,
געטריי ווי אַ הונט דיר געדינט,
געהיט די טריט פון דיינע וועגן —
מיט מיין צער מיין פרייד פאַרדינט.

איצטער ביזטו שטום צו מיינע טרערן.
כ׳וואָגל אין מיין וועלט אַליין.
דער גאָט פון טרויער וועט מיך הערן,
מיך לייטערן אין מיין געוויין.

אַ ליד

דיין נשמה — דיינע אויגן,
מיין נשמה — דו אינגאַנצן.
כ׳וועל אין דיר מיין פרייד אויפרייסן,
און פאַר דיר מיין גליק אויסטאַנצן.

כ׳וועל דיך פירן אויף די וועגן —
זאָלן שטערן דיך באשיינען;
זאָל די זון דיר גיין אַנטקעגן —
און כ׳וועל זיך פאַר גליק צעוויינען.

אַ ליד

מיין יונגע, ביינקענדיקע סאַרנע,
וואָס יאָגט זיך איבער בערג און איבער טאָלן,
שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ מיט שרעקעדיקע אויגן
און ווייטער אין גניעג איבער בערג און איבער טאָלן.

לאָמיר ביידע אין דער וועלט זיך לאָזן
קעגן זון און קעגן שטערן,
פאַרלירן זיך ווי וואָלקנס אין די הימלען
און אויפגיין ווי די זון און ווי די שטערן.

דערמאָנסטו זיך?

דערמאָנסטו זיך אין יענע אומעטיקע שטונדן,
ווי אַ קנויל האָט זיך דער טרויער געוויקלט אויפן האַרצן.
און דו האָסט זיך צעוויינט, אין דרויסן האָט דער רעגן
יאָמערדיק געקלאָגט אויף דיין מזל אויף דעם שוואַרצן.

און איך האָב דיך געטרייסט, און דיר געגלעט דעם שטערן,
און דו ביזט אַזוי טרויעריק צום קישן צוגעפאַלן.
און איך האָב דיך געהיט, געציטערט און געשוויגן,
געעפנט דיר מיין האַרץ — נאָר אַלץ איז שוין פאַרפאַלן.

שפּעטער האָט אַ פרעמדער פון מיר דיך אָפּגעריסן.
און יענער ווייטער פרעמדער איז דיין פריינט געוואָרן.
נאָר איך וועל אים ניט שילטן, ניט ווערט איז ער מיין קללה,
און דיך וועל איך געדענקען אַלע מיינע יאָרן.

ווען מיין האַנט אין דיינער רוט

ווען מיין האַנט אין דיינער רוט,
און מיין קאָפּ צו דיינעם פֿאַלט —
זינגט און קוועלט אין מיר מיין בלוט,
זוניק לויכט מיין האַרץ און שטראַלט.

בין איך וויליק זיין דיין קנעכט,
נעם מיין האַרץ און טייל מיט פֿרייד,
עס איז פֿול מיין האַרץ פֿאַר דיר
מיט גוטע, שיינע, ריינע רייד.

אָ, וואונדערלעכע דו

אָ, וואונדערלעכע דו, איך בין דיין קרבן.
איך וואָלט צו יעדער צייט פאַר דיר געשטאָרבן;
און ווען פאַרענדיקן וועט זיך מיין לעבן,
וועל איך מיטנעמען די לײדן, וואָס דו האָסט מיר געגעבן.

איך וועל זיי היילִיקן און קומען וועלן זיי — דו זאָלסט
זיי נעמען,
נאָר דו וועסט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמען,
כאָטש דו וועסט שענער, וואונדערלעכער ווערן,
מיט אַ געלייטערט האַרץ, מיט שיין אין דיינע טרערן.

אַ ל י ד

כ׳גיי מיט דיר אויף דיינע וועגן,
איך צייל און איך היט דיר דיינע טריט,
איך בין דיין פריינט, איך בין דיין חבר,
און דו — די פרייד פון מיין געמיט.

איך בויג פאַר דיר מיין שטאָלץ און ווילן,
און טו אַלץ — נאָך דיין באַגער;
איך רוף די זון אויף דיינע וועגן,
עס לויכט מיין האַרץ פאַר דיר נאָך מער.

איך וויין ביי דיינע פענצטער

דערפאר, ווייל איך וויין ביי דיינע פענצטער,
און גאר דיך אין מיין טרוים און אין מיין וואר;
און ציטער ווי דער שטערן דער שענסטער,
און שיינק אוועק דיר מיינע לעצטע יאר —

דערפאר פארלירסטו מיך, און ס׳גייט מיר נאך דיין שמייכל,
און לייגט זיך אויף מיין הארץ ווי א שווער געוויין,
נאר איך באדויער ניט, איך טראג מיט פרייד מיין מזל
און — פרעס זיך צו צו אים מיט מיין פלייש און ביין.

איך וויין פון פרייד

דיין שטים — אַ פליט אין וויטן וואַלד,
דיינע אויגן — ליכטיק אָבער קאַלט,
דאָך קוועלט פון דיר אַזויפיל פרייד.
דיינע הענט, ווי דיין געזיכט,
מיט שטילער צאַרטקייט, מיט לבנה ליכט.
כ׳וויין פון פרייד און גאַר נאָך דיר.

אַ ליד

דו ביזט, מיידל, קלוג און גוט,
הער ווי ס׳קלאָגט צו דיר מיין בלוט,
און עס וויינט אין וועג מיין טראָט —
ניט פאַרלאָך אים, ניט פאַרשפּאָט.

ווער איך עלנד און אַליין,
וועל איך זינגען מיט געוויין;
וועל איך שרייען צו דער ערד —
ווייל דו האָסט מיין פרייד צעשטערט.

ווען מיין ליד וועט דיך דערגרייכן

ווען מיין ליד וועט דיך דערגרייכן
און מיין וואָרט וועט דיך באַרירן —
אויף אַ ווײַלע דיך געווינען
און אויף אייביק דיך פאַרלירן.

דאָך וועל איך בײַ זיך ניט פאַלן —
אין מיין שווײַגן וועל איך זינגען,
איך וועל אויפגיין אין די לידער
און מיט לידער זיך פאַרוויגן.

איך בין אַ פלאַטערדיקער ווינט

איך בין אַ הייסער, פלאַטערדיקער ווינט,
האָסטו מיך פאַרלאַכט, — אַנטלויף איך און פאַרשווינד,
האָסטו מיך פאַרלאַכט, — פאַרגעס איך דיך און שוייג
איינגעפרעסט אין זיך, און וויג זיך ווי אַ צווייג.

איבער מיר אַ הימל מיט אַזויפיל ליכט.
וואָס אַרט מיך דער טרויער! עס לויכט אויף מיין געזיכט.
וואָס אַרט מיך דיין שפּאָט! עס זינגט אין מיר מיין ליד,
און אויף מיינע וועגן זינגען מיינע טריט.

פֿאַר דיר מיין ליד געזונגען

איך האָב פֿאַר דיר מיין ליד געזונגען,
און אין חלום דיך געטראָגן,
פֿאַרנאַכט אין אַ זילבערנעם וויגל
אין דער פֿרי אין אַ גאָלדענעם וואָגן.

נאָר דו האָסט צעשטערט מיר מיין חלום,
און מיך פֿאַרשעמט, און מיך פֿאַרטריבן,
און איך טרייסט זיך, כאָטש עס וויינט אין מיר דער טרויער,
מיין ליד איז ווי אַ וואונדער מיר פֿאַרבליבן.

מיך רייצט דיין שטילקייט

מיך רייצט דיין שטילקייט, מיך רייצט דיין שווייגן,
און אויך דיין ליכטיקער געמיט;
שוין פֿאַלן צוויטן פֿון די צווייגן,
ווייל ס'האָט זיך שוין דיין בוים צעבליט.

איך בין באַרוישט און פֿול מיט שווייגן,
איך זינג מיין פֿרייד פֿאַר וואַלד און פֿעלד;
איך טראָג דעם צוויט פֿון דיינע צווייגן,
און עס לויכט אין מיר מיין וועלט.

עס רופט דיך מיין האַרץ

ביזט קלוג און באַשיידן, קרענקלעך און ווילד,
דו רייצסט זיך און צאַרנסט און ביזט אַזוי מילד.
איך גיי און איך היט דיך, קוק נאָך דיינע טריט,
עס רופט דיך מיין האַרץ, עס זינגט דיר מיין ליד.

פאַרכישופט פון שמייכל, פון ליכטיקע רייד,
גיי איך מיטן כישוף און זוך זיין באַשייד.
כאַטש אַלץ ווי אין נעפּל, ווי אין פּלאָנטער פאַרדרייט,
צעפראַלט זיך אין מיר מיין פאַרשלאָסענע פרייד.

א. מ. דילאָן

אברהם משה דילאָן איז געבוירן געוואָרן ראש חודש תמוז תרמ״ג (1883) אין שטעטל זשעטל, געוועזענע גראָדנער גובערניע, אין אַ בכבודיקער אידישער משפחה.

זיין פאָטער, אידל זשוכאָוויצקי, האָט פון איין זייט געשטאַמט פון ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער, אַ פראָסטער איד, אַ קרעטשמער פון דאָרף זשוכאָוויץ, וואָס איז פאַר זיינע מעשים אין די אויגן פון פאָלק אויסגעוואַקסן אין אַ לעגענדאַרישער פיגור; און פון דער מוטערס צד האָט אידל זשוכאָוויצקי געשטאַמט פון ר׳ לייזער דילאָן, אַ איד אַ גביר, אַ קרוב למלכות אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. ביי א. ליטווין אין זיינע „אידישע נשמות״ ווערן דערציילט זייער אינטערעסאַנטע מעשיות וועגן ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער, און וועגן ר׳ לייזערן ווערט איבערגעגעבן אין זעלבן בוך, אַז ער האָט געשטאַמט פון אַן איינגעוואַנדערטער פאָרטוגעזיש־אידישער פאַמיליע, דער באַרימטער יחוס־פאַמיליע דע־ליאָן. זיין טאַטע און זיידע זיינען געוועזן הויף־אידן ביי די פוילישע מאַגנאַטן אַלס זייערע פינאַנץ־פירער. לייזער דילאָן, אָדער דע־ליאָן, איז שוין אָבער געוואָרן פון אַ „הויף־איד״ — אַ „קרוין־איד״ ביי דער רוסישער רעגירונג. ער האָט געבראַכט אַ סך נוצן דער רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַלס קלוגער מענטש און בעל־עצה. די פוילישע פריצים האָבן אים געהאַסט און ער פלעגט אַרומגיין אין דער באַגלייטונג פון צוויי קאָזאַקן וועלכע פלעגן אים נאָכגיין אַפילו אין שול.

באַלד נאָכדעם ווי אברהם משה איז געבוירן געוואָרן האָט זיין מוטער, וויכנע, זיך אַריבערגעקליבן פון זשעטל אין דעם דערבייאיקן מאַיאָנטעק באַרקי, וואָס האָט געהערט צו איר פאָטער, ר׳ חיים בער סלוצקי און וואו איר מאַן איז געוועזן דער פאַרוואַלטער. אויף דעם מאַיאָנטעק האָט די משפחה געלעבט אַ

יאָר צען. איבער די דעמאָלסדיקע צאַרישע געזעצן, וואָס האָבן ניט דערלויבט אַ אידן צו האַלטן גרונט־איינגנטום אין דערפער, האָט די משפחה געמוזט פאַרלאָזן באַרקי און זי האָט זיך אַרי־בערגעצויגן אין דעם דערבייאיקן שטעטל בוטען, און אַ יאָר שפּעטער קיין סלאָנים.

פריִלינג 1903 האָט אברהם משה דילאָן פאַרלאָזט סלאָנים און איז אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַגעגנט מיט אידישע און העברעאישע שריפטשטעלער, צווישן זיי פּרץ, בעל־מחשבות, דוד פרישמאַן און יוסף קלויזנער.

דעם 27טן נאָוועמבער 1904 קומט דילאָן מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער קיין ניו יאָרק. דאָ אין אַמעריקע האָט זיין פאָטער געביטן דעם פאַמיליע־נאָמען זשוכאָוויצקי אויף זיין מוטערס מיידלשן נאָמען, דילאָן.

זיין ערשטן דעביו האָט אברהם משה דילאָן געמאַכט אין 1910, אין צווייטן זאַמלבוך „ליטעראַטור״. אָבער געשריבן לידער האָט ער נאָך פריער. שוין אַלס זיבעצן־יאָריק איינגל איז ער אין סלאָנים „באַרימט״ געוואָרן אַלס מחבר פון העב־רעאישע שירים, וועלכע ער האָט געפּרואווט, אָבער אָן דערפאָלג, אָפּדרוקן אין די דעמאָלסדיקע העברעאישע זשורנאַלן.

אין יאָר 1919 איז אין פאַרלאַג „אַמעריקע״ אַרויס אַ זאַמ־לונג פון זיינע לידער אונטערן נאָמען „געלע בלעטער״. דאָס בוך איז געווען אין גאַנצן געצייכנט מיט גע׳כתיבה׳טע אותיות און באַצירט מיט געמעלן פון ז. מאָוד. אַ טייל מיינען, אַז די אויסגאַבע איז איינע פון די שענסטע אין דער אידישער ליטעראַטור.

•

כמעט פון די ערשטע טעג פון זיין זיין אין אַמעריקע האָט א. מ. דילאָן שטענדיק געלעבט צווישן שרייבער. שפּעטער, ווען די יונגע אידישע דיכטונג האָט זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַ־ליזירן, איז ער געוואָרן איינער פון דער גרופּע „יונגע״, האָט אָנטייל גענומען אין זייערע קאַמפן און מיטגעאַרבעט אין זייערע אויסגאַבן, און אין דערזעלביקער צייט געהאַט אַכטונג און ליבע צו אַ צאָל אַנדערע אידישע און העברעאישע פּאָעטן. אגב, ניט גע־קוקט דערויף, וואָס דילאָן האָט געשריבן אויסשליסלאַך אידיש

און אפילו אָנגעשריבן אַ הימן צו דער אידישער שפּראַך, האָט אָבער זיין אַלטע ליבע צו העברעאיש אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון זיין לעבן.

אויסער אין די פאַרשיידענע אויסגאַבן פון די „יונגע" האָט א. מ. דילאָן אויך אָנטייל גענומען אין אַ ריי אַנדערע זשורנאַלן. אין די לעצטע זיבן־אַכט יאָר פון זיין לעבן — די פּרוכטבאַרסטע יאָרן זיינע — האָט ער זיינע לידער פאַרעפנטלאַכט אויסשליסלאַך אין דער „צוקונפט".

●

אין זיינע לעצטע חדשים האָט א. מ. דילאָן פאַרטראַכט אַ נייע אויסגאַבע פון זיינע לידער. אין דער זאַמלונג האָט געזאָלט אריינגיין בלויז אַן אויסוואַל פון יענע לידער, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דער דערשיינונג פון זיינע „געלע בלעטער". אָבער דילאָן איז שוין מער ניטאָ צווישן אונז און די ארויס־געבער האַלטן, אַז אונטער די אומשטענדן איז גלייכער ארויס־צוגעבן אין איין זאַמלונג אַלץ, וואָס דער דיכטער האָט גע־שריבן. זיי האָפן בלויז, אַז זיי איז געלונגען דורכצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע.

●

דילאָן פלעגט די מערסטע לידער זיינע דרוקן אַן קעפּלאַך. פאַר מער באַקוועמלאַכקייט אָבער האָבן די ארויסגעבער באַ־שלאָסן אוועקצושטעלן קעפּלאַך אויף די לידער, גענומען פון דער ערשטער אָדער פון אַן אַנדערער שורה פון ליד. צוליב דער זעלביקער באַקוועמלאַכקייט זיינען די לידער אויך איינגע־טיילט געוואָרן אין דריי אָפּטיילונגען.

די ערשטע אָפּטיילונג נעמט אריין די זאַמלונג „געלע בלעטער" און אַנדערע לידער וואָס ער האָט געשריבן ביז ארום 1920. אין דער צווייטער אָפּטיילונג גייען אריין אַלע זיינע לידער פון 1920 ביז זיינע לעצטע טעג, אחוץ די ליבע־לידער, וואָס פילן אוים די דריטע אָפּטיילונג פון בוך.

די לידער זיינען געדרוקט אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדנונג. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן נאָר מיט אַ צאָל לידער, וואָס גייען אריין אין דער צווייטער אָפּטיילונג. דאָס זיינען די לידער

פון א פּאָלעמישן און גזלענגהייט־כאַראַקטער. צוליב איינהייט־לאַבקייט זײַנען זיי אויסגעטיילט געוואָרן אין א באַזונדערער גרופּע, כאָטש זיי זײַנען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צײַטן.

●

גנעדיק איז דאָס לעבן געווען צו אַבֿרהם משה דילאָן. פון זײַנע קינדער־יאָרן ביז א האַרץ־שלאַג האָט אָפּגעשטעלט זײַן לעבן אין א ניו יאָרקער שפּיטאָל, דעם 3טן אָקטאָבער 1934, איז ער שטענדיק געווען אין א געהויבענעם צושטאַנד. ליבע, שנאה, צערטלאַכקייט, צאָרן, כעס און אויפרעגונג האָבן אויסגעפילט זײַנע טעג. ער האָט געלעבט בלויז מיט און פאַר לידער, און ער איז געווען מזלדיק: וואָס א יאָר ער האָט ער געשריבן מער און אָנגעהאַלטן זײַן יונגטלאַכע באַגײַסטערונג. די גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה פון מעת־לעת איז דילאָן געווען וואַך, פול מיט געזאַנג און דערוואַרטונג. וואָס פאַר א באַטרעף האָבן פאַר אים געקענט האָבן א צען־צוועלף שעה שווערע אַרבעט צו באַזאָרגן זיך מיט דעם נויטיקסטן!

●

פון די ערשטע יאָרן וואָס ער איז געקומען קיין ניו יאָרק ביז צום סוף פון זײַן לעבן איז א. מ. דילאָן שטענדיק געווען דער זעלביקער. אין פאַרשיידענע צײַטן אַנדערש אין אויסזען, אין דער קליידונג, אין דער שטימונג, אָבער אַלעמאָל דער פּאָעט, דער ריטער פון דער פּאָעזיע.

אָט איז ער אַן אויסגעפּוצטער, אַן אויסגעצירטער — א פראַנט: ליאַקירטע שיך, א קנייטש אויף די הויזן, א געל־גרויער קאַפּעליוש, העל־גרויע הענטשקעס און א שטעקן אין דער האַנט. אַמאָל פירט ער אַפילו מיט זיך א גרויסן ריינ־ראַסיקן פּאָליצײַ־הונט. דער שײַנער קאָפּ הויך, פלאַטערדיק און די אויגן — בלוי און קינדעריש פאַרוואונדערט. און אָט איז ער אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, דאָס פּנים שוין טעג נישט געגאָלט און די אויגן אויסגעלאָשן און אומעטיק.

אָט זיצט ער מיט חברים ביים טיש. ברענט, טומלט מיט אינוויינִיקסטן פייער. אַלע זיינען יונג. אַלע רעדן און טומלען וועגן פּאָעזיע. אָבער אברהם משה שרייט איבער. פּאָעזיע איז זיין סטיכיע. יאָרן לויפן. ביים טיש מיט די זעלביקע חברים. עלטער אין יאָרן רעדט מען שוין נישט בלויז וועגן פּאָעזיע. דילאָן קען ניט איינזיצן. ער פאַרטראָגט פשוט ניט קיין פּראָזאאישע ענינים, פּראָזאאישע שמועסן. ער איז שוין קראַנק, אים איז שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. אָבער פאַר אים איז דאָס גאָרניט. ער אָנערקענט ניט זיין קראַנקהייט, און ער קאָן ניט פאַרטראָגן ווען אַ חבר באַקלאָגט זיך אויף שלעכטן געזונט. דאָס לאַנגווײַלט אים, ווי עס לאַנגווײַלט אים אַלץ, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט פּאָעזיע, מוזיק אָדער ווייניקסטנס מיט ליבע. ער איז שטענדיק אַ פאַרליבטער, אפילו ווען ער דאַרף פאַר זיך אויסטראַכטן אַ געשטאַלט ליב צו האָבן.

שוין ביים סוף פון זיין לעבן רעדט ער וועגן דעם לעצטן ליד („פּאַרוואָס?” זייט 92), וואָס ער האָט שוין נישט געקאָנט אָנשרייבן אויף פּאַפּיר, נאָר האָט עס געמוזט דיקטירן, און גערעדט וועגן דעם האָט ער האַלב שעמעוודיק ווי אַ פאַרליבטער.

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז ער שוין מער ניט געווען.

אינהאַלט:

ערשטע אָפּטיילונג

1910 און אויפשפרינגען וועל איך 9
1912 אַ האַרבסט־נאַכט אַ שוואַרצע 10
איך זע דעם טויט 12
איך בין ביי דעם אייביקן טויט 13
1914 איך טראָג מיט דערנער זיך ארום 14
איך שפּיר די האַרטקייט 15
ס'האָט דער טייוול 16
כ'וועל טאַנצן 18
אַליין אין הויז 19
1916 אויף ווערמעס מזל 20
פרעג ביי גאָט 21
איך גיי ארום 22
איך זייך אין פעלד 23
1917 וועלט, די וועלט 24
נאַכט 25
אַ האַרץ צו אַ האַרץ 26
1918 מער שטילקייט, מער נאכט 27
עס עפנט ווער אויף די טיר 28
ווען דער אָוונט 29
ווען וואָלקן נאָך וואָלקן 30
1919 אויסגעצויגן ליג איך 31
ווי אַ בעטלער 32
מיך האָט נאָך ביז איצט 33
ס'האָט די וועלט 34

צווייטע אָפּטיילונג

1920 מיט געלייטערטע טריט 37
מען האָט אונז אָפּגענאַרט 38
אַז וואויל איז דעם 39
אַליין אין מיין צימער 40
איך בין אַ באַליידיקטער 41
1924 אַ ליד 42
איך בין ווייטער 43
וויג זיך, האַרץ 44
צום אמת פון דער וועלט 45
און מיר איז טרויעריק 46
שריי אַריבער דעם טרויער 47
אין די שוואַרצע נעכט 48
1928 מיט מיין קדיש 49
אַ חלום 50
מיין ליד 51
וואַלד און פעלד 52
ווער אַ קינד 54
רעגן, רעגן 55
ס'האָט די צייט 56
איך ווייס 57
שניי און רעגן 58
1931 מיר ווערן עלטער 59
דער דיכטער 60
האָב מיטלייד און שווייג 61
דער אָדלער פליט אַליין 62
** 63
דער הערבסט, אַ בעטלער 64
אונזער וואָרט איז נאָך ניט טויט 65
שווייגן 66
אַ ליד 67
טויט 68
1933 אַ ליד 69
אין שווערן יאָך פון לעבן 70
אונזער ליד איז ניט פאַר היינט 71
1927 אויפן טויט פון ראובן לודוויג 73
1927 צו... 74

1930 צו... 75
1931 מאַני לייב 76
1932 אויפן טויט פון מ. ל. האַלפּערן 77
1933 צו... 78
1933 צו... 79
1933־34 מאָנעטן 80
1934 פאַרוואָס ? 92

דריטע אָפּטיילונג

1918 זיי מיין טרייסט 95
ארויסגעריסן ווי אַ ווילדע פלאַנץ 96
1921 ווי וואונדערלעך עס בליט 97
מיין שוואַרצע, שוואַרצער טרויער 98
פערלדיקע, מיינע דו 99
איך גיי ארום אַרום איר הויז 100
וואָס רייצטו מיך ? 101
איך קום צו איר 102
1927 ווי אָפּענע פעלדער 103
ביי דיינע פיס בין איך געלעגן 104
אַ ליד 105
אַ ליד 106
1930 דערמאָנסטו זיך ? 107
ווען דיין האַנט אין מיינער רוט 108
אָ, וואונדערלאַבע, דו 109
אַ ליד 110
איך וויין ביי דיינע פענצטער 111
איך וויין פון פרייד 112
1931 אַ ליד 113
ווען מיין ליד וועט דיך 114
איך בין אַ פלאַטערדיקער ווינט 115
פאַר דיר מיין ליד געזונגען 116
1933 מיך רייצט דיין שטילקייט 117
1934 עס רופט דיך מיין האַרץ 118

א. מ. דילאָן 120